**א פרייליכען פורים אלע אידן.** חנוכה און פסח ווערן אנגערופן לויט די נסים וואס זענען געשען דעמאלט. פארוואס ווערט די יום טוב אנגערופן "פורים?" דאס ווארט "פורים" באציט זיך אויף דעם וועג ווי אזוי המן הרשע ימ"ש האט אויסגעקליבן א צייט צו הרג'ענען די אידן, ה' ירחם. דאס ענטפער איז אפשר אזוי: די חכמים האבן געוואלט מרמז זיין אז די עיקר שמחה פון פורים איז די שמחה פון וויסן אז דער אויבערשטער פירט דעם וועלט מיט א פונקטליכע השגחה פרטית, פארקערט ווי די רשעים וואס מיינען אז אלעס איז לעבן איז "פורים" אן קיין סדר, און קיין השגחה עליונה. די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מוראדיגע אופן ווי דער אויבערשטער פירט דעם וועלט.

ר' אליהו קארמאן ע"ה איז געווען א ספרדישער איד וואס האט געלעבט אסאך יארן אין דיעל, ניו דזשערסי. ער איז געווען אן עסקן און ער האט געשטיצט אסאך מוסדות התורה. צען יאר פאר זיין הסתלקות, איז ר' אליהו געגאנגען וואוינען אין פלעטבוש כדי צו זיין נאנט צו זיינע קינדער וואס האבן חתונה געהאט. אין פלעטבוש האט ער אויך עוסק געווען מיט אסאך מוסדות. דורך זיין עסקנות, האט ר' אליהו געמאכט אסאך חברים אין די ספרדישע קהילה. מער ווי זיין עסקנות, איז ר' אליהו באקאנט געווארן פאר זיין גרויסע אמונה און בטחון אין ה'. ער פלעגט אייביג זאגן "ה' יעזור." – דער אויבערשטער וועט העלפן.

דער נפטר'ס זונס ר' אהרן און ר' ראובן האבן באגלייט זייער טאטע'ס ארון צו דעם עירפארט, ווייל ר' אליהו ע"ה וועט באגראבן ווערן אין ארץ ישראל. עס איז געווען דאנערשטאג נאכמיטאג. ר' אהרן און ר' ראובן זענען ארומגעשטאנען לעבן אלע רענצלעך אין דעם עירפארט, ווארטענדיק צו ערלעדיגען דעם ארון כדי צו פארן קיין א"י פאר די לויה. זיי האבן געהאפט אז עס וועט קומען אן עולם צו דעם עירפארט צו באגלייטן זייער טאטע'ס ארון ביז דעם עראפלאן. אבער, זיי האבן געזען ווייניג מענטשן וואס זענען געקומען צו מכבד זיין זייער טאטען.

פלוצלינג איז געקומען א גרויסע עולם פון פרומע אידן וואס האבן באגלייט אן אנדערען איד וואס איז דעמאלט נפטר געווארן, א געוויסער רב גאלדבערגער. דער רב גאלדבערגער'ס ארון איז אויך געווען אויפן וועג קיין א"י. יעצט האבן די צוויי ברידער זיך געפרייט צו זען ווי עס וועט יא זיין אן עולם צו באגלייטן דעם ארון צו דעם עראפלאן. די ברידער האבן זיך דערמאנט פון זייער טאטע'ס ווערטער "ה' יעזור." ב"ה אז דער אויבערשטער האט טאקע געהאלפן אז ר' אליהו זאל האבן דעם ריכטיגען כבוד.

יעצט האבן די ברידער געהאט אן אנדערע דאגה, ווייל עס איז געווען דאנערשטאג נאכמיטאג און זיי האבן געדארפט אנקומען קיין א"י און באגראבן זייער טאטען נאך פאר שבת קודש.

ב"ה, אז זיי זענען אנגעקומען קיין א"י ערב שבת, 7 שעה פאר שבת. די צוויי ברודער זענען בארוהיגט געווארן אז זיי וועלן האבן אי"ה גענוג צייט צו קענען באגראבן זייער טאטע פאר שבת. זיי זענען אלע געזיצן אין דעם חברה קדישא "וואן" מיט דעם ארון אין דעם בעק, און זיי האבן אנגעהויבן צו פארן קיין ירושלים אויף דעם "כביש תל-אביב" וועג.

פלוצלינג, האט דער "וואן" זיך אפגעשטעלט אויפן זייט פונעם וועג. דער דרייווער האט פראבירט צו פיקסען דעם וואן אבער ער האט נישט מצליח געווען. יעצט זענען די צוויי ברידער צובראכן געווארן. נישט נאר דאס אז עס איז נישט געווען קיין כבוד פאר זייער טאטען צו זיין ווארטענדיק אויפן זייט פונעם גאס, אבער דער מספיד, דער חשובער מקובל ר' ראבינאוויץ האט געווארט אויף זיי אין ירושלים צו געבן דעם הספד איינס אזייגער.

פלוצלינג האבן די ברידער זיך דערמאנט וועגן די צוויי ווערטער וואס זייער טאטע פלעגט זאגן כסדר, "ה' יעזור." און דאן האבן זיי אנגעהויבן צו בעטן דעם אויבערשטען אז עס וועט זיין גוט.

בערך 10 מינוט שפעטער איז געקומען די ישועה. א גרויסע ליידיגע טראק איז געקומען פארן אויפן וועג. דער אויבערשטער האט געהאלפן. א פרייער איד האט אפגעשטעלט זיין טראק און ער האט זיך אינטערעסירט וועגן דעם מצב. די ברידער האבן מסביר געווען פאר דעם איד אז זיי האבן זיך זייער געיאגט צו פארן קיין ירושלים בעפאר שבת פאר די לויה. צו זייער ערשטוינקייט האט דער פרייער איד פארגעשטעלט פאר זיי אז ער וויל זיי און זייער טאטע'ס ארון טראגען קיין ירושלים. ווייל דער פרייער איד האט געוואלט האבן א חלק פון דער מצוה פון "הלווית המת."

ביז א שעה זענען זיי אנגעקומען קיין ירושלים. די ברידער זענען געלאפן צו דעם רב ראבינאוויץ און זיי האבן אים איבערגעבעטן פארן אנקומען אזוי שפעט ערב שבת.

באלד דערנאך האט רב ראבינאוויץ אנגעהויבן צו זאגן דעם הספד. "מיר וויסן אלע וועגן דעם גרויסע אמונה וואס אייער טאטע האט געהאט. ער איז געווען זיכער אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן מיט אלע פראבלעמען אין לעבן. טאמער אייער וואן וואלט נישט צובראכן געווארן אויפ'ן וועג, וואלט אייער טאטע געליטן פון חיבוט הקבר. אבער ווייזט אויס אז על פי אריז"ל אז ווען א נפטר איז באגראבן אין די פיר שעה בעפאר שבת, ליידט ער נישט פון "חיבוט הקבר."

די ברידער זענען געטרייסט געווארן דורך רב ראבינאוויצ'ס ווערטער. יעצט האבן זיי געזען אז זייער טאטע'ס ווערטער "ה' יעזור" זענען טאקע מקוים געווארן. זיי האבן געזען אז דער אויבערשטער פירט דעם וועלט מיט א פונקטליכע השגחה פרטית. א זאך וואס זיי האבן אנגעקוקט ווי א שלעכטע זאך, ד"ה דער וואן איז צובראכן געווארן, איז באמת געווען א גוטע זאך.

יעצט קענען מיר פארשטייען אביסל בעסער פארוואס די יום טוב ווערט אנגערופן "פורים." ווייל דער עיקר שמחה אין לעבן איז ווען מען ווייסט אז דער אויבערשטער פירט די וועלט. ווייל טאמער א איד גלייבט אז אלעס קומט פונעם אויבערשטער, איז ער אייביג בשמחה ווייל ער פארשטייט אז אלעס וואס פאסירט אין לעבן איז פאר זיין גוטס, ווייל אלעס קומט פונעם אויבערשטער, ודבריו חיים וקיימים – ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום. (דברים ד,ד). **א גוטן פורים, און א גוטן תמיד אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר אביגדור אסטרייכער הי"ו לרגל שמחת נשואי בנו פינחס בשעטומ"צ
נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא ומרדכי מענדל בן ציפורה יוטא בתוך שאר חולי ישראל
כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)